דאס ירושלים'ער אידישע ליכט

# באלייכטונגען

## אלא במי שממית עצמו עליה



ערשט האנטיג און אטענטיש

פר' בשלח תשפ"ב

3723 | יאהר 70

January 15 '21 | Price: U.S.A. - $5.99
London: £4.5| Europe: €4.5
Vienna: €5.5 | Switzerland: 5.5 chf
א"י: 18 ש"ח

**כתפוח בעצי היער**

צווייטער טייל

**ווער איז שולדיג?**

גראמען

0 94922 76514 7

# אין איין ווארט

ליגט א קערנדל אין די ערד, ס'איז אים דארט פינסטער, קאלט, ער בעט זיך אויף א שפאלט צום ליכט, צו א שיין פון די ווארעמע זון, אבער גארנישט פון די גוטע זאכן דערגרייכט נישט אהין. ער ווערט צובראכן, ער פילט ווי די פייכטקייט פון די ערד נעמט ווירקן אויף אים, און אט אט, ער נעמט פוילן.

דער קערנדל איז אזוי צובראכן, שוין אפילו מיואש, גלייבט נישט אז עפעס וועט נאך אמאל ארויסקומען. וואס ער ווייסט נישט איז, אז דווקא די פינסטערניש איז גוט פאר אים. אין די צייט וואס ער איז אזוי צובראכן, צוקלאפט, קומט עפעס פאר אינעווייניג אין אים; עפעס א מין אנטוויקלונג, וואס טיף אינעווייניג, ווייט פון יעדע אויג אנטוויקלט זיך די כוחות, וואס וועלן אים העלפן אויסצושפראצן צו א שיינעם פרעכטיגן בוים.

און דווקא דאן, ווען ער פילט זיך אין זיין נידריגסטן צוקלאפטן צושטאנד, דווקא דאן שיקט ער ארויס א קליין פאדימל. דאס קליין פאדימל זעט אויס אזוי קליין, אזוי אוממערקבאר, אז ס'נעמט זיך ענדערש אן אלס יאוש אויסדריק ווי עפעס אנדערש.

אבער דווקא אט דער פעדימל, איז א צייכן אז דער קערנדל לעבט. נישט נאר ער לעבט, נאר עס ווארט אים נאך א לאנגער געבענטשטער עתיד. עס ווארט אים נאך אזויפיל גוטס, ער וועט נאך אויסוואקסן גרויס און ברייט; און ווי טיפער אין די ערד ער איז פארדעם געלעגן, קומט עס ווייזן אויף א העכערן בעסערן בוים וואס וועט נאך בעזרת ה' דא וואקסן.

חמשה עשר בשבט איז דער ראש השנה לאילנות. אייגנטליך לערנען מיר אז ס'איז אויך פארהאן א ראש השנה פאר די בהמות אדער מלכים, פארוואס יענע ראשי השנה פייערן מיר נישט? ווייל אדם כעץ השדה, דער מענטש ווערט פארגליכן צום בוים.

ס'איז ווינטער, קאלט, טונקל, נאך אזויפיל טויזנטער יארן אין פינסטערן גלות, און ס'קען ארומנעמען א יאוש געפיל. איז נאך דא עטוואס א האפענונג? וועט נאך דא ענדע עפעס ווערן? נאך וויפיל ליידן און צרות וועלן אידישע קינדער דארפן דורכגיין ביז מיר וועלן ענדע זען די גליקליכע גאולה?

אבער ווען א איד אנערקענט אז דווקא די פינסטערניש, דאס איז דער אנהויב צו די גאולה, ווי טונקעלער, ווי פינסטערער, איז עס א צייכן אז אינעווייניג פאסירט עפעס, ס'גייט ארויסקומען ווארצלען, פעסטע, טיפע, ריכטיגע, עס וועט אויסשפראצן א גענצליכע גאולה, דאן פארשטייט ער דעם ציל, דערהערט דעם דערהער, און פארשטייט אז די גאנצע מי און פלאג איז נישט אומזיסט. ס'האט א ציל. יעדע ביסל שוועריקייט, דערנענטערט דעם טאג ולציון נעלה ברינה, ווען מירוועלן אלע גליקליכערהייט ארויפגיין קיין ציון.

דער זעלבער באגריף קען זיך אויך וואונדערליך צוזאמבינדן מיט'ן גרויסן שבת שירה. אידן שטייען ביים ים סוף, פון איין זייט א טיפער ים, פון אנדערן זייט די מצרים; צו וואו זאלן זיי גיין? ס'זעט אויס פארלוירן, יאוש, אבער דאן, און דווקא דאן, זאגט זיי דער באשעפער "גייט! גייט ווייטער!" אין ים אריין, אבער גייט.

אידן גייען ווייטער, ס'ווערט נישט גרינגער, ס'ווערט נאר שווערער, נחשון בן עמינדב שטייט שוין מיט די וואסער ביז צום האלדז, אט-אט און ווער ווייסט וואס גייט פאסירן; אידן פילן ממש אז מער קענען זיי נישט אויסהאלטן; און דווקא דאן, זאגט דער באשעפער פאר משה רבינו "נטה ידך על המים" - שפרייט אויס דיין האנט איבער'ן וואסער, און די וואסער האט זיך געשפאלטן. ווייל דווקא אין יענע מינוט, ווען ס'זעט שוין אויס אלעס פארלוירן, דעמאלט שפראצט אויס די גאולה.

דאס בעט זיך דער באשעפער ביי אונז אין די טעג, אידעלעך, אט-אט, האלט אייך נאך אביסל, ריכטיג, ס'זעט אויס ביטערליך, ס'זעט אויס אזוי שווער, אין רוחניות, אין גשמיות, יעדער מיט זיין פעקל, אבער האלט אייך, געדענקט, אז דווקא אט די פינסטערניש וועלכע איר פילט, איז דער בעסטער צייכן, אז אט-אט און מיר גייען אהיים.

די רעדאקציע

# אין איין ווארט

ליגט א קערנדל אין די ערד, ס'איז אים דארט פינסטער, קאלט, ער בעט זיך אויף א שפאלט צום ליכט, צו א שיין פון די ווארעמע זון, אבער גארנישט פון די גוטע זאכן דערגרייכט נישט אהין. ער ווערט צובראכן, ער פילט ווי די פייכטקייט פון די ערד נעמט ווירקן אויף אים, און אט אט, ער נעמט פוילן.

דער קערנדל איז אזוי צובראכן, שוין אפילו מיואש, גלייבט נישט אז עפעס וועט נאך אמאל ארויסקומען. וואס ער ווייסט נישט איז, אז דווקא די פינסטערניש איז גוט פאר אים. אין די צייט וואס ער איז אזוי צובראכן, צוקלאפט, קומט עפעס פאר אינעווייניג אין אים; עפעס א מין אנטוויקלונג, וואס טיף אינעווייניג, ווייט פון יעדע אויג אנטוויקלט זיך די כוחות, וואס וועלן אים העלפן אויסצושפראצן צו א שיינעם פרעכטיגן בוים.

און דווקא דאן, ווען ער פילט זיך אין זיין נידריגסטן צוקלאפטן צושטאנד, דווקא דאן שיקט ער ארויס א קליין פאדימל. דאס קליין פאדימל זעט אויס אזוי קליין, אזוי אוממערקבאר, אז ס'נעמט זיך ענדערש אן אלס יאוש אויסדריק ווי עפעס אנדערש.

אבער דווקא אט דער פעדימל, איז א צייכן אז דער קערנדל לעבט. נישט נאר ער לעבט, נאר עס ווארט אים נאך א לאנגער געבענטשטער עתיד. עס ווארט אים נאך אזויפיל גוטס, ער וועט נאך אויסוואקסן גרויס און ברייט; און ווי טיפער אין די ערד ער איז פארדעם געלעגן, קומט עס ווייזן אויף א העכערן בעסערן בוים וואס וועט נאך בעזרת ה' דא וואקסן.

חמשה עשר בשבט איז דער ראש השנה לאילנות. אייגנטליך לערנען מיר אז ס'איז אויך פארהאן א ראש השנה פאר די בהמות אדער מלכים, פארוואס יענע ראשי השנה פייערן מיר נישט? ווייל אדם כעץ השדה, דער מענטש ווערט פארגליכן צום בוים.

ס'איז ווינטער, קאלט, טונקל, נאך אזויפיל טויזנטער יארן אין פינסטערן גלות, און ס'קען ארומנעמען א יאוש געפיל. איז נאך דא עטוואס א האפענונג? וועט נאך דא ענדע עפעס ווערן? נאך וויפיל ליידן און צרות וועלן אידישע קינדער דארפן דורכגיין ביז מיר וועלן ענדע זען די גליקליכע גאולה?

אבער ווען א איד אנערקענט אז דווקא די פינסטערניש, דאס איז דער אנהויב צו די גאולה, ווי טונקעלער, ווי פינסטערער, איז עס א צייכן אז אינעווייניג פאסירט עפעס, ס'גייט ארויסקומען ווארצלען, פעסטע, טיפע, ריכטיגע, עס וועט אויסשפראצן א גענצליכע גאולה, דאן פארשטייט ער דעם ציל, דערהערט דעם דערהער, און פארשטייט אז די גאנצע מי און פלאג איז נישט אומזיסט. ס'האט א ציל. יעדע ביסל שווערקייט, דערנענטערט דעם טאג ולציון נעלה ברינה, ווען מירוועלן אלע גליקליכערהייט ארויפגיין קיין ציון.

דער זעלבער באגריף קען זיך אויך וואונדערליך צוזאמבינדן מיט'ן גרויסן שבת שירה. אידן שטייען ביים ים סוף, פון איין זייט א טיפער ים, פון אנדערן זייט די מצרים; צו וואו זאלן זיי גיין? ס'זעט אויס פארלוירן, יאוש, אבער דאן, און דווקא דאן, זאגט זיי דער באשעפער "גייט! גייט ווייטער!" אין ים אריין, אבער גייט.

אידן גייען ווייטער, ס'ווערט נישט גרינגער, ס'ווערט נאר שווערער, נחשון בן עמינדב שטייט שוין מיט די וואסער ביז צום האלדז, אט-אט און ווער ווייסט וואס גייט פאסירן; אידן פילן ממש אז מער קענען זיי נישט אויסהאלטן; און דווקא דאן, זאגט דער באשעפער פאר משה רבינו "נטה ידך על המים" - שפרייט אויס דיין האנט איבער'ן וואסער, און די וואסער האט זיך געשפאלטן. ווייל דווקא אין יענע מינוט, ווען ס'זעט שוין אויס אלעס פארלוירן, דעמאלט שפראצט אויס די גאולה.

דאס בעט זיך דער באשעפער ביי אונז אין די טעג, אידעלעך, אט-אט, האלט אייך נאך אביסל, ריכטיג, ס'זעט אויס ביטערליך, ס'זעט אויס אזוי שווער, אין רוחניות, אין גשמיות, יעדער מיט זיין פעקל, אבער האלט אייך, געדענקט, אז דווקא אט די פינסטערניש וועלכע איר פילט, איז דער בעסטער צייכן, אז אט-אט און מיר גייען אהיים.

די רעדאקציע

ווען די קינדער האבן געדארפט גיין אין תלמוד תורה, איז דער חשוב'ער יונגערמאן געשטאנען דערויף אז ס'זאל זיין ריין, על טהרת הקודש, אן די מינדעסטע פארבינדונג צו די ציונים. אנערקענענדיג אז דער אויסוואל פאר אזעלכע תלמוד תורה'ס איז זייער קליין האט ער אליין געגרינדעט א פריוואטע תלמוד תורה נעמענדיג אויף זיך דער עול פון די געלט, א זאך וואס האט אים אריינגעדרייט אין שווערע חובות.

אין א געוויסן שטאפל, נאך לאנגע יארן דרייען מיט שווערע חובות, האבן אים גוטע פריינט געראטן ארויסצוקומען אויף עטליכע יאר קיין פראנקרייך, וואו זיי וועלן אים העלפן צוזאמשטעלן דאס געלט, און גלייכצייטיג אויך שטארקן דארט די אידישקייט, דינענדיג אלס רב אין איינע פון די פרומע ספרד'ישע קהילות.

אין פראנקרייך איז דער אידישקייט צושטאנד שוין דאן געווען פיל בעסער ווי דאס וואס בתיה האט איבערגעלאזט א צענדליג יארן פריער, און נאך גוט דורכטראכטן אלע זייטן פון די זאך און זיכער מאכנדיג אז זייערע קינדער'ס חינוך וועט דארט נישט געשעדיגט ווערן האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צוריק צו בתיה'ס היימלאנד.

אויפ'ן וועג האבן זיי געדארפט דורכגיין די אונטערערדישע באן סטאנציע. אנקומענדיג דארט זענען געשטאנען עטליכע מיסיאנערן, אנגעטון ווי אידן, און פארגעלייגט פאר די צענדליג טויזנטער דורכפארער זייער מיסט.

"מיר קענען אייך עפעס פארשלאגן?" האבן זיי זיך געווענדן צום פארפאלק מיט די טייערע אידישע קינדערלעך אין די ציוניסטישע היברעאישע שפראך.

איין בליק אין זייערע סחורה און די פרומע פארפאלק האט געכאפט פון וואס עס האנדלט זיך. די בלוט איז זיי געקומען אין פנים. דער ארט ניצט טעגליך פאר א דורכגאנג פון הונדערטער אידן, און דארט זאלן די מיסיאנערן קומען מיט א פאלשן פנים פארקויפן זייער שמוץ איז אן אומדערהערטע עוולה.

אנשטאט צו רעאגירן אין זייער שפראך האט זיי דער פארפאלק אפגעווארפן דעם פארשלאג, אבער דווקא אין די פראנצויזישע שפראך.

די נשמה רויבער האבן זיך נישט דערשראקן, נאר ווייטער אין די ציוניסטישע שפראך, תמימות'דיג זיך ערקלערט אז זיי מיינען כלומר'שט זייער טובה.

דער פרומער פארפאלק האט נישט געקענט אויסהאלטן די זאך. ווער ווי זיי האבן נעבעך געוואוסט די הויכע ראטע פון די געמישטע הייראטן אין פראנקרייך, וויפיל אידישע נשמות ווערן דארט פארלוירן, און אט האבן די מיסיאנערן זיך צוגעשטעלט צום קעסל, אפצורייסן נאך הייליגע נשמות פון זייער ווארצל.

אנשטאט צו געבן אן ענטפער איבער זייערע שרעקליכע ווערטער האט זיי דער יונגערמאן א שפיי געגעבן אין פנים און ווייטער געוואלט גיין זיין וועג.

דער טאט האט אבער זייער אויפגעברויזט די מיסיאנערן און זיי האבן גענומען פארשעמטערהייט שרייען, עפעס וואס האט געברענגט אן איבריגער גערודער דארט אין סטאנציע.

אט יעצט האבן די פארפאלק ערקלערט פאר די אנוועזנדע אז לויט די דעמאקראטישע פארשריפטן וועלכע פירן די לאנד איז דאס געווען א לעגעטימער רעאקציע פאר די שענדליכע טאטן וואס די נידריגע עלעמענטן פירן אן, קומענדיג אונטער א פאלשער שלייער אפרייסן אידן פון זייער שטאם.

די אנוועזנדע האבן צוגעשאקלט די קאפ מיט שעצונג און די ביליגע מיסיאנערן האבן געמוזט פארשעמטערהייט פארלאזן דעם ארט.

די זעלבע דירה.

פאר בתיה איז געווען זייער שווער אראפצושלינגען דעם פאטש, פארלירנדיג היבש איר באגלויבטקייט אין מענטשן.

עטליכע וואכן זענען פארביי, שטייענדיג אין אן אינדערפרי אין קאך, ביי א גלעזל קאווע, איז אריינגעקומען איינע פון די חבר'טעס זייער איבערראשט. "דו ווייסט אז מען אינטערעסירט זיך אויף דיר?" האט איר יענע דערציילט. "ס'זעט אויס אז זיי מיינען עס ערנסט."

בתיה האט זיך געפילט מאדנע. דא ווייסט שוין איר חבר'טע פאר איר זאכן וואס זי וואלט געדארפט וויסן. אבער נאך יענעם נאכמיטאג האט זי באקומען דעם ענטפער אויף איר וואונדער.

דאס מאל איז עס געקומען דירעקט פון יענעם זייט.

ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער וועלכער געבט איבער דעם שיעור יעדע וואך איז א בחור, וועמענ'ס מאמע קומט אויך וועכנטליך מיטהאלטן דעם שיעור פון איר זון.

זי האט געזען בתיה און געלייגט אויף איר אן אויג. די מאמע פון בחור איז יעצט געווען די שדכנ'טע, האלטנדיג קלאר אז נאר אזא ערנסטע מיידל ווי בתיה וועט זיין גרייט צו לעבן א תורה'דיגער לעבן ווי איר זונ'ס שטרעבן.

עטליכע טעג שפעטער איז דער שידוך געשלאסן געווארן אין א גוטע מזל'דיגע שעה, ארויפנעמענדיג בתיה'ן ביז די וואלקענעס. זי האט באקומען א חתן פון אן ערליכע מאראקא'ער פאמיליע, דורי דורות ערליכע אידן, תלמידי חכמים, רבנים, וואס זוכן ווייטער צו ציען די גאלדענע קייט, און אין די ערליכע קייט איז זי יעצט געווארן איינס פון די רינגען.

נאך די חתונה האט זי זיך באקענט מיט א נייעם באגריף. איר חתן האט געהערט צו די פרומע ספרד'ישע אידן וועלכע אנערקענען נישט אין די ציוניסטישע מדינה און זעען אין זיי דעם פיינט נומער איינס וועלכע האבן חרוב געמאכט די תמימות'דיגע ספרד'ישע אידנטום.

פאר בתיה איז דאס געווען א נייעס, אבער זייער שנעל האט איר מאן איר איבערצייגט אין זיינע ווערטער, ווען זי ווערט נאכמער ווארעם צו די ריינע השקפה.

עטליכע מאנאט פון די חתונה, ווען בתיה האט אנערקענט וועלכער אוצר זי האט באקומען, האט זי געבעטן פון איר מאן ער זאל אויך מאכן א שיעור מיט איר.

ער האט געהאט צייט נאר פיר אזייגער פארטאגס, און זי, ווי א גוטע שילערן האט זיך צוגעשטעלט.

יעדן פרימארגן, פיר אזייגער פארטאגס, איז זי געזעצן און געלערנט א האלבע שעה מוסר און דערנאך א האלבע שעה הלכה, ווען אין די אנדערע טיילן פון טאג טרעפט זי זיך די צייט איבערצו'חזר'ן דאס געלערנטע.

בתיה האט זוכה געווען אז צו איר חתונה זענען געקומען ביידע אירע עלטערן אנטייל צו נעמען, זיך מיטפרייען מיט איר שמחה, אז זייער טאכטער בויט אן ערליכע פרומע הויז. זי איז צופרידן, און לאזט זיי זיין צופרידן מיט איר.

נאך די חתונה איז איר מאמע געקומען וואוינען נעבן איר, כדי צו געניסן פונדערנאנט פון דעם נחת.

דער באשעפער האט איר באשאנקען מיט טייערע אידישע קינדער, וועלכע גייען אלע אין ריכטיגן וועג, און זעצן פאר מיט שטאלץ אין דעם וועג פון זייערע עלטערן, אנפילנדיג זייערע עלטערנ'ס און באבע'ס הארץ מיט ריכטיגע אידיש נחת.



# שאך שפיל

ביי די שפיל דארף מען גיין לויט די כללים פונ'ם שאך שפיל. מען מעג גיין נאר אויב מען נעמט אראפ א צווייטן שפילווארג.
אוןביים סוף דארף איבערבלייבן נאר איין שפילווארג.

# שפיל פון 0 אדער 1

ביים קומענדיגן קעסטל קען מען אריינלייגן נאר די נומערן 0 אדער 1, עס טאר נישט זיין מער ווי צוויי די זעלבע אויף אמאל; ד.מ. אויב ס'איז דא צוויי 0 איינע נעבן די אנדערע, דארף זיין פון די צוויי זייטן דער נומער 1 צ.ב. 1001 און אזוי אויך פארקערט 0110. די זעלבע זאך אויב עס איז דא צוויי 0 אפגערוקט איין קעסטלליידיג צווישן זיי, דארף קומען צווישן זיי דער נומער 1. לויט די נומערן וואס איז שוין די אין קעסטל, קען מען משלים זיין דעם גאנצן קעסטל.
**געדענק, ביי יעדע שורה אדער טור מעג זיין נאר זעקס פון די 0 און פון די 1.**

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | | | | 0 | | | | | | |
| | | | 0 | | | | 0 | | | 1 | |
| 1 | 0 | | 0 | | | | | | 0 | | |
| 0 | | | | | | | | | | 0 | |
| | | 0 | | | 1 | | 0 | | | | 1 |
| | | | | | | 0 | | | | | 1 |
| | 1 | 1 | | | | | | 1 | | | |
| | | 1 | | | 1 | 1 | | | | 0 | |
| | | | 0 | | | | | | 1 | | |
| 1 | 1 | | 0 | | 1 | | 1 | | | | |
| | | 1 | | | | | | | 1 | | |
| | | | | 0 | 0 | | | | 1 | 1 | |

## ענטפערס פון פר' בא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 5 | 1 | 3 | 4 | 3 | 1 | 2 | 5 |
| 4 | 3 | 4 | 2 | 1 | 2 | 5 | 4 | 3 |
| 2 | 5 | 1 | 5 | 3 | 4 | 1 | 2 | 1 |
| 1 | 3 | 2 | 4 | 1 | 5 | 3 | 5 | 3 |
| 5 | 4 | 1 | 3 | 2 | 4 | 2 | 4 | 1 |
| 1 | 3 | 2 | 5 | 1 | 3 | 1 | 5 | 2 |
| 2 | 5 | 1 | 3 | 2 | 4 | 2 | 3 | 1 |
| 1 | 3 | 2 | 4 | 1 | 5 | 1 | 4 | 5 |
| 2 | 4 | 1 | 3 | 2 | 4 | 3 | 2 | 1 |
| 1 | 3 | 2 | 5 | 1 | 5 | 1 | 4 | 5 |
| 2 | 4 | 1 | 4 | 2 | 4 | 3 | 2 | 3 |

